# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

• גיליון נ"ד ואתחנן - תש"פ •


## דער טיפער באדייט פון תפילה

אלע ווייסן, די סוגיא ווי משה רבינו האט אויסגעפועל'ט, מתפלל געווען און מתפלל געווען ביז ווען דער אויבערשטער כביכול הקב"ה האט אים געדארפט אפשטעלן וויל ווען נישט וועט ער אויספועל'ן.

***תפילה - וואס איז דאס?***

מ'וועט פראבירן מרחיב זיין די וואך אין 2 נקודות אין תפילה: דער יסוד התפילה, און דער כח התפילה.

וואס הייסט תפילה? א איד ער דארף עפעס, ס'פעלט אים עפעס, ס'איז אים נישט גוט, ער נעמט א תהילים דאווענט זיך אויס צום אויבערשטן, א סידור, וויינט זיך אויס, אויף אידיש אדער אויף יעדער שפראך, נישט קיין חילוק ווי אזוי, און ער זאגט: רבש"ע! גיב מיר די און די זאך! די און די זאך פעלט מיר! העלף מיר אין די און די זאך! ווען ער ענדיגט דעם דאווענען שפירט ער ס'איז אים געווארן בעסער וויל ער שפירט: אה, איך האב אויסגעפועל'ט איך גיי באקומען די זאך.

ברעיון, איז דאס א פשוט'ע זאך וואס יעדער איינער ווייסט וואס מ'דארף זאל מען בעטן דעם אויבערשטן און באמת דאס באגלייט דעם אידן אלע יארן און באמת טאג טעגליך ווען א מענטש געוואוינט זיך צו צו מתפלל זיין איז זעהט ער עס נאכאנאנד ווי דער אויבערשטער באגלייט אים נאכאנאנד.

***"מ'וועט שמיסן פארן נישט בעטן יעדער זאך פארן אויבערשטן"...***

איך דערמאן זיך יעצט א מעשה וואס איך האב נעכטן געהערט, זייער א קליין מעשה אבער זייער א גלאטע מעשה וואס דאס הייסט בעטן, פשוט בעטן פאר דעם אויבערשטן ווי אין מינוטן האט דער מענטש געזעהן גרויסע זאכן.

איך האב געהערט נעכטן א מעשה פון מיין זיידע ר' וועלוול וואס אמאל מיין באבע חנה האט צובראכן א פוס און ער האט איר גענומען אין שפיטאל. אין יענע צייטן - מ'רעדט פון זייער אסאך יארן צוריק - איז כל זמן מ'האט נישט באצאלט האט מען גארנישט געטוהן מיטן מענטש. און מ'האט געזעהן מ'האט אלס איבערגעקוקט, מ'האט געזעהן אז מ'דארף איר מאכן א אפעראציע, אבער דער ד"ר האט געזאגט פאר מיין זיידן: זי ליגט דא אויף א בעט אבער כל זמן מ'גיט מיר נישט 5 פונט - ס'איז געווען דעמאלטס זייער אסאך געלט - מאך איך גארנישט!

מיין זיידע האט נישט געקענט אויסהאלטן די יסורים פון מיין באבע, און ער האט זיך געבעטן ביים ד"ר: איך וועל דיר עס ברענגען שפעטער אבער דער ד"ר האט נישט מסכים געווען בשום אופן. מיין זיידע האט פשוט מתפלל געווען א מינוט. ער איז ארויס פון שפיטאל, ער גייט אפאר טריט און ער איז מתפלל צום אויבערשטן קומט אים אנקעגן א איד - דאכט זיך מיר דער נאמען איז ר' מרדכי לידר - און ער גייט צו צו אים און ער זאגט אים: וועלוול! הער זיך איין! איינער האט מיר אפגעגעבן א חוב פון 5 פונט, און אז ס'וועט ליגן ביי מיר וועט עס ווערן אויסגעניצט ס'איז מיר א שאד, קודם נעם עס צו פון מיר און ווען דו וועסט קענען וועסטו מיר עס אפגעבן, ביי מיר זאל עס נישט ליגן. און ער האט אים עס אריינגערוקט אין האנט און פשוט אפגעצויגן ער האט נישט געוואלט ער זאל אים עס אפגעבן. און ער איז אזוי אריין גלייך אין שפיטאל און באצאלט און מ'האט אויסגעהיילט מיין באבע.

וויל מיין זיידע האט טאקע געלעבט יעדער זאך, יעדער קלייניקייט האט ער געבעטן און ער פלעגט טאקע חזר'ן אלעמאל פאר די איייניקלעך זאגנדיג: "מ'וועט שמיסן

פארן נישט בעטן יעדער זאך פארן אויבערשטן".

*תפילה א מטרה*
*און נישט קיין אמצעי*

און מיר וועלן צוריק גיין צו די נקודה. אונז זענען צוגעוואוינט און מ'חזר'ט אלעמאל אויף דער כח פון דאווענען אויף קברי צדיקים, מ'האט מתפלל געווען און גלייך מ'האט געזעהן די ישועה.

אבער יעצט וועט מען רעדן א פארקערטע נקודה.

למעשה אין די פרשה זעהט מען, משה רבינו האט מתפלל געווען און ער האט נישט באקומען. איז וואס דערציילט אונז די תורה די גאנצע זאך פון ואתחנן. מתפלל געווען און וואס? נישט באקומען!? דאס הייסט תפילה? וואס טוהט זיך דא?

דער תירוץ איז: יא! די תורה איז דא מגלה אסאך א טיפערע נקודה אין תפילה ווי וואס אונז זענען צוגעוואוינט.

דער טייטש פון תפילה הייסט זיך מתחבר זיין צום אויבערשטן. און נישט אזוי ווי אונז טראכטן אז די תפילה איז נאר א אמצעי צו די מטרה וואס אונז בעטן. די תפילה איז א מטרה און דער פראבלעם איז דער אמצעי.

ווי חז"ל זאגן (יבמות סד, א) הקב"ה מתאוה לתפילתן של צדיקים, און וועגן דעם האט ער זיי געמאכט עקרות. וואס הייסט? ער מאכט זיי עקרות ווייל איך דארף די תפילה, איך דארף דעם חיבור צו מיר. נאר כדי דו זאלסט קומען צו תפילה שטעל איך דיר אונטער כל מיני זאכן.

קומט אויס, אפילו ווען איינער באקומט נישט די זאך, אבער דער עיקר זאך, די מטרה פון די גאנצע פראבלעם איז ער זאל ווערן נתחבר צוריק צום אויבערשטן און געדענקען אז דער אויבערשטער גיט אלעס, און אן דעם אויבערשטן קען מען נישט - וואס דאס איז די גאנצע מטרה וואס מ'לעבט אויף די וועלט איז נישט די אמצעים וואס מיר גייען באקומען. די מטרה פון לעבן אויף די וועלט איז זיין מחובר נאכאנאנד צום אויבערשטן. איינע פון די זאכן וואס דער אויבערשטער ברענגט צו אז דער מענטש זאל זיך צוריק מתחבר ווערן - ער מאכט אים א חסר אין כל מיני זאכן כדי ער זאל מתפלל זיין. אבער די מטרה איז די תפילה, דער חיבור צוריק צום אויבערשטן, און די מטרה איז נישט דער חסר און דער מילוי החסר. דאס איז דער אמצעי.

*אימתי עת רצון בזמן שהציבור מתפללין - אבער דער מטרה איז אין יעדער צייט*

קומט אויס, ווי דער שפת אמת רירט עס אן אפאר פלעצער, ער פארענטפערט ווי ביי חסידים איז געווען חסידים וואס זיי האבן נישט אזוי מקפיד געווען אויף א מנין אין די צייט וואס אין גמרא איז ידוע אז ס'איז מסוגל אויף קבלת התפילה, ווי די גמרא זאגט (ברכות ח, א) אז דער ציבור איז מתפלל איז דעמאלס עת רצון פון קבלת התפילה, און ווי איז מען מוותר אויף דעם עת רצון פון קבלת התפילה. איז שפת אמת מסביר אז זיי האבן געדארפט די תפילה עצמה, זיי האבן זיך נישט געפארעט מיט קבלת התפילה, מיט אויספירן, מיט באקומען. זיי האבן געדארפט די חיבור צום אויבערשטן אליין. און דער חיבור צום אויבערשטן אליין האבן זיי באקומען ווען זיי האבן געשטאנען שעות און געדאוונט. ממש שעות שעות, נישט געקוקט צו יעצט שטעלט מען זיך דא עם ישראל א מנין צו נישט, ווייל זיי האבן געדארפט די שעות התפילה.

ס'איז ידוע ביי חסידים אין דער היים, די חסידים האבן געקענט אנהויבן דאווענען אינדערפרי און ענדיגן דאווענען פארנאכט. פשוט געווען בדביקות שעות, תפילה. סוגיא פון תפילה.

קומט אויס, לאמיר איין זאך מסכם זיין און מ'וועט גיין צו די צווייטע.

תפילה איז א חיבור צום אויבערשטן און די פרשה גיט עס שטארק ארויס. אויספירן די זאך דאס איז שוין דער אמצעי, נישט די מטרה.

*חתר לו חתירה מתחת כסא הכבוד*

לעומת זה, יעצט וועט מען רעדן פונקט א פארקערטע זאך וואס הייסט, ביז ווי ווייט תפילה קען אויספירן.

אביסל א לאנגע סוגיא, אבער מ'וועט עס נאר אנרירן.

ידוע פון נביא אין די גמרא (ברכות י, א) אלס זייער באוואוסטע סוגיות, אז חזקיה מלך יהודה האט געזעהן אז ער גייט האבן קינדער רשעים און ער האט נישט געוואלט אפילו ברענגען די קינדער אויף די וועלט ביז ווען למעשה ישעיהו הנביא איז געקומען צו אים און ס'האט זיך געפירט א גאנצע מעשה און ער האט געברענגט די קינדער אויף די וועלט, 2 ברידערס. און ס'איז געווען א מעשה ער האט געזעהן אז זיינע קינדער זענען ממש רשעים און ער האט זיי אראפ געווארפן אויפן דער-ערד צו זיי הרג'נען. איינער איז געהרג'ט געווארן און מנשה איז געבליבן לעבן.

און מנשה איז אויסגעוואקסן א גרויסער רשע, ביי 9 יאר איז ער שוין געווען מלך, אסאך צרות אויף כלל

ישראל געליטן אין זיינע יארן פון זיין מלוכה אין אידישקייט.

ס'איז שפעטער געווען אויכעט די זיסע יארן וואס ער האט פארקערט מ'האט אויסגעראמט אלע ע"ז וויפיל ער האט געקענט, ווי דער נביא אליין שרייבט ער איז געווען ממש א צדיק. ער האט געטוהן די מקסימום וואס ער האט געקענט צו צוריק שטעלן די אידישקייט. די בית המקדש, א.א.וו.

אבער, איינע פון די יסודות טרעפט מען א גמרא אין ירושלמי (פרק י (כל ישראל) ה"ב) א אינטערסאנטע גמרא. ער איז געווען אויף זייער שווערע צרות - ווי ס'ווערט געברענגט אין דברי הימים ב' (פרק ל"ג י' - ט"ז) ווערט פארברייטערט די פאר פסוקים וואס דארט איז געווען. מ'האט אים גענומען און אריינגעלייגט אין א גרויסע קופערנע פאס מיט לעכער, און מ'האט אנגעצונדן אונטער דעם א פייער, און מ'האט אים אנגעהויבן מאכן שרעקליכע יסורים. דערציילט דער פסוק ווי ער האט געבעטן פאר אלע ע"ז, זיי האבן נישט געהאלפן, האט ער געבעטן צום אויבערשטן שטארק, ווי די גמרא דערציילט אבער א אינטערסאנטע פאל, ער רופט זיך אן צום אויבערשטן - באשעפער, ווען איך בין געווען א קליין קינד דער לשון אין גמרא איז, כיון שלא הועיל לו כלום, ער האט געבעטן און געזאגט אמר זכר אני איך געדענק שהיה אבי מקרא אותי, ווען איך בין געווען א פיצעלע קינד האט מיר מיין טאטע געלערנט את הפסוק הזה בבית הכנסת, דעם פסוק אין שול, בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה באחרית הימים ושבת עד ה' אלקיך ושמעת בקולו. כי קל רחום ה' אלקיך לא ירפך ולא ישחיתך ולא ישכח את ברית אבותיך אשר נשבע להם. רופט ער זיך אן צום אויבערשטן, הרי אני קורא אותו, אם עונה אותי מוטב ואם לאו הא כל אפיא שוין - איז ער גלייך ווי אלע ע"ז. והיו מלאכי השרת מסתמין את החלונות, זיי האבן געוואלט גורם זיין שלא תעלה תפילתו של מנשה לפני הקב"ה. והיו מלאכי השרת אומרים לפני הקב"ה, רבש"ע, אדם שעבד ע"ז והעמיד צלם בהיכל אתה מקבלו. אמר להן אם איני מקבלו בתשובה הרי אני נועל את הדלת בפני כל בעלי תשובה. מה עשה לו הקב"ה חתר לו חתירה מתחת כסא הכבוד שלו ושמע תחינתו. הדא היא דכתיב ויתפלל אליו ויעתר לו וישמע תחינתו וישיביהו. שוין.

למעשה, דא זעהט מען 2 אינטערסאנטע זאכן. מ'טרעפט דא א אינטערסאנטע זאך - ער סטראשעט דעם אויבערשטן, טאמער נישט וועל איך זאגן פונקט ווי ע"ז. ווער האט דיר גפרעגט? מ'דערשרעקט זיך עפעס דא פון אים? שנית, וועגן וואס למעשה ווערט דא דערציילט די גאנצע מעשה אין גמרא מיט מנשה? דא שטייט 2 יסודות. דא שטייט א יסוד אין תפילה, א מורא'דיגע יסוד אין תפילה אז אין ערגסטן מצב וואס קיין מלאך לאזט נישט אריין קען א איד יא אויספועל'ן און צוקומען, זיך דערנענטערן צום אויבערשטן.

אבער צו פארשטיין אויכעט וואס הייסט ער האט געסטראשעט דעם אויבערשטן, ער האט געזאגט א פשוט'ע זאך פארן באשעפער, באשעפער דו ביסט דאך א בלתי גבול, א בלתי גבול הייסט א זאך וואס אונז זענען באמת נישט משיג. דיין רחמים האט נישט קיין גבול. טאמער מלאכים קענען דיר זאגן און מאכן א גבול צו דיין רחמים איז ביסטו פונקט ווי אלע ע"ז ווייל האסט גבולות. וואס הייסט? ס'איז א דבר מוגבל. און דער אויבערשטער האט געזאגט - באמת, מיין רחמים האט נישט קיין גבול און איך פארמאך נישט קיין דלת בפני בעל תשובה. און ער האט מקבל געווען די תשובה. שטייט אז ער איז געווארן א צדיק, זיינע אלע מעלות וואס ער איז צוריק צוגעקומען. און דאס איז ? פאר אונז אויכעט א טיר, סיי א טיר אין תפילה, סיי א טיר אין תשובה. מ'קען אלע מינוטן, יעדן מינוט קען מען אלעס אויספועל'ן, וואס ס'זאל נישט זיין און א ודאי און א ודאי ווען א מענטש וועט טראכטן אוי לפי מיינע מעשים קומט זיך נישט גארנישט, מנשה'ס מעשים האט זיך אסאך ווינציגער געקומט און ער האט באקומען, קוק נישט לויט דיינע מעשים, קוק אויף דעם גדלות פון דעם אויבערשטן וואס א גרויס רחמנות, צו וואס א באשעפער דו רעדסט! צו וואס א בלתי גבול אין זיין רחמים, ממילא וועסטו קענען אלעמאל מתפלל זיין און קענסט אלעמאל באמת אויכעט אויספועל'ן, און גלייבן אין דיין תפילה אז דו וועסט אנקומען.

### *"דער רבש"ע לאכט נישט פון דיר ..."*

נאך א נקודה ווי אזוי תפילה ארבעט, אז מ'זאל קיינמאל נישט נאכגעבן, נישט מוותר זיין פון מתפלל זיין.

איך האב זיך דערמאנט א שיינע מעשה וואס איז געווען אמאל מיטן דער גערער רבי דער בית ישראל זיע"א. ס'איז ידוע אז דער בית ישראל פלעגט זיך דרייען פארטאגס אין די גאסן פון ירושלים, ער פלעגט אנקומען אין כותל המערבי אויכעט. ס'איז דא באוואוסטע בילדער ווי ער פלעגט גיין און דער גבאי פלעגט גיין פון אונטער אלעמאל.

איינמאל האט ער געטראפן עפעס א בחור, נישט גיין גער'ר בחור, א בחור אין כותל מערבי און פארברענגט מיט אים. ער פלעגט זאגן-ווארפן אזעלכע

ווערטער, ער האט גערעדט שארף און געשמאק, פרעגט ער פארן בחור: דו קענסט מיר אפשר זאגן וואס איז דער גרעסטער שבח אויפן אויבערשטן? זאגט דער בחור: פון וואו ווייס איך? האט אים דער בית ישראל געזאגט: איך וועל דיר זאגן, אז ער לאכט נישט פון מענטשן! און דער בית ישראל גייט זיך אוועק. פאר דער בחור איז דאס געווען זייער א מדרש פליאה, דאס איז די שבח פון אויבערשטן אז ער לאכט נישט פון מענטשן, ער הויבט נישט אן לאכן ווען מענטשן רעדן צו אים? וואס איז פשט פון דעם? האט ער מחליט געווען ער וועט ארויף גיין צום פני מנחם, און ער וועט הערן וואס ער זאגט. שוין. איז ער אנגעקומען צום פני מנחם און דערציילט אים וואס דער ברוגער האט אים געזאגט, און פרעגט: וואס מיינט דער בית ישראל דער אויבערשטער לאכט נישט פון מענטשן ווען מ'רעדט צום אים. זאגט אים דער פני מנחם: איך וועל דיר פרעגן, איך פיר דא א ישיבה, לאמיר זאגן ס'איז דא א משגיח און א בחור האט זיך פארזינדיגט עפעס און מ'האט אים ארויס געווארפן און ער קומט און ער נעמט זיך אונטער, פיין. אבער ווען דער בחור קומט נאך 10 מאל ארויסווארפן וואס טוהט דער משגיח ווען דער בחור הויבט אן רעדן אז פון יעצט גייט שוין זיין מורא'דיג? ער טוהט גארנישט ער הויבט נאר אן לאכן פון גרויס געלעכטער וואס הייסט דו זאגסט מיר דו גייסט זיין גוט?. כביכול הקב"ה מ'קומט צו אים 10 מאל מיט 15 מאל מיט 100 מאל, ניין, ער לאכט נישט, ער זאגט צו א ערנסקייט יא דער איד גייט ווערן גוט, און ער נעמט אן זיין תפילה אזוי ווי... די ערשטע מאל אין זיין לעבן ער קומט צו אים.

### ***המורם מכל האמור***

היוצא מדברינו פון דעם גאנצען שיעור. די ערשטע זאך איז אז תפילה איז דער נקודת חיבור צום אויבערשטן. ממילא, איך טאקע איך געדענק נישט אז איך דארף יעצט עפעס בעטן דעם אויבערשטן. ווער זאגט אז דארפסט יעצט בעטן, ווער זאגן דארפסט יעצט אויספועל'ן, ווער זאגט דארפט האבן פראבלעמען, דארף זיך נישט קיין שום פראבלעמען נישט. קען זיך יעצט אוועק א פערטל שעה צוואנטיג מינוט וואס דאס איז דאווענען לשם דאווענען. איך בין יעצט צומישט איך וועל נישט קענען ביי די מנחה גארנישט אויסבעטן. איינער האט דיר געבעטן אויסבעטן? דו דאווענסט יעצט 20 מינוט מנחה ווייל יעצט ביסטו מחובר צום בורא כל עולמים. יעצט דאווענסטו מעריב ער איז שוין אויסגעמוטשעט נאך א ארבעט איך קען שוין זיין נישט מכוון זיין כמעט גארנישט. געדענקסט אז דו שטייסט יעצט 20 מינוט פארן באשעפער, דו זאגסט ווערטער צום באשעפער, דו רעדסט מיטן באשעפער. דאס איז די מטרה אליין, קיינער דארף דא נישט אויספירן א ביזנעס דא אונטערוועגנ'ס. דאס איז איין מורא'דיגע יסוד אין תפילה.

לעומת זה, א יסוד אין תפילה, אין די שווערסטע מינוט, די שווערסטע מצב אין וואו דו שטייסט, וואס ס'זאל נישט זיין קען מען אלעמאל אויספועל'ן און מ'וועט אויספועל'ן, און לאמיר טאקע זיך אונטער נעמען אלעמאל מתפלל זיין און אלעמאל זיין דבוק צום באשעפער ווייל דאס איז די תכלית וואס אונז לעבן אויף די וועלט, אונז זאלן טאקע אויספילן אונזער שליחות און טוהן אונזער תכלית אויף די וועלט. און נאך לערנט מען ארויס פון דעם נישט נאכגעבן אין תפילה אין וואס א מצב מ'שטייט.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אונז זאלן טאקע עס לעבן אין דעם.


טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1